## יוסף קערלער

# גוטער דאָקטער ווײ־צו־מיר

דעם "וועטערינאַר" פֿון דער ייִדישער
ליטעראַטור ז. ווענדראָוון צו זײַנע 90
ביז הונדערט און צוואַנציק.(2)

גוטער דאָקטער ווײ־צו־מיר(1)
אַלע קומען צו דײַן טיר
בעלי־חיים אַלערלײ
שטייען אין אַ לאַנגער רײ.

ס'קומט אַ האָזיכע צו לויפֿן
ווי אַ רעביצין אַ פֿרומע:
— גיט אַן עצה, ליבער רופֿא,
אַלע וועגן זײַנען קרומע,

ווי פּרילישעט פֿון מרידן,
כ'ווייס קיין רו ניט און קיין שלאָף:
אַז דער וואָלף זאָל זײַן צופֿרידן,
אי ס'זאָל גאַנץ בלײַבן די שאָף ...

ס'פֿליט אַ קוואָקע צעפּאַלאָשעט
גלײַך פֿון סידעלע אַראָפּ
מיט איר פּיסקל, מיט איר לשון
פּיקט זי אין געגאָלטן קאָפּ:

— גוואַלד געשריגן, וווּ איז יושר
גוטער דאָקטער ווײ־צו־מיר
לאָמיר לויפֿן, שרײַען, רוישן,
פּראָטעסטירן אָן אַ שיעור ...

ס'קומען ברענגען צווײ גאָרדאָנען(3)
דעם אַנאַליז פֿון השתּנה
סײַ דער ראש פֿון אָפּאָזיציע
סײַ דער דאָס ... דער צווײ־שטול־זיצער.

שטיל, באַשיידן, אונטערטעניק
קומט דאָס פֿוקסעלע רעמעניק
און דער חושים וואָס איז ענלעך
אויף דעם דיכטער ליפֿשיץ מענדל.

אָבער שאַט נאָר, מאַכט אַ וואַרע —
ס'קומט אַרײַן פֿאַדיי גאָנטאַרין,
דער וואָס נאַשט פֿון פֿרעמדע ליטקעס
פֿעפֿערס, האַלקינס אויך לייב קוויטקעס;
אָבער מער טוט אים געפֿעלן
לעקן איינס אַן אָרט בײַם געלן ...

און פֿון אַלע זײַטן שיטן,
פּראָזע-שמאַטניקעס, פּיִיעטן
ס׳קומט אַ קאַץ און ס׳קומט אַ הונט.
אָבער ערגער ווען סע קומט
דער אַנסאַמבל פּעסניע-פּליאַסקע(4)
איין גרוביאַן מיט פֿופֿציק מאַסקעס ...

ליבער דאָקטער ווײ-צו-מיר,
אַלע קלאַפּן אין דײַן טיר
סײַ געכאַפּטע, סײַ די כאַפּערס,
סײַ געקלאַפּטע, סײַ די קלאַפּערס;

אַלע — "איך און מײַנע שיך",
אַלע ווילן היילן זיך —
האָב רחמנות, ווײ צו מיר,
שפּאַר אַ ווײַלע צו די טיר!

—

האַרות

1. דער טיטל פֿאַררופֿט זיך אויפֿן נאָמען פֿון באַרימטן ליד פֿון פּאָפּולערן און פֿילאָסעמיטישן קאָרניי טשוקאָווסקי, דעם רוסישן שרײַבער פֿון קינדער-ליטעראַטור.

2. זלמן ווענדראָף/ווענדראָוו (1879(1877?)-1972) האָט אין זײַנע פֿיל יאָרן געקענט אַ היפּש צאָל ייִדישע שרײַבער, אַרײַנגערעכנט עטלעכע פֿון די קלאַסיקער.

3. דערמאָנט אין דעם ליד זײַנען די ווײַטערדיקע סאָוועטיש-ייִדישע שרײַבער:

- פֿעפֿער, איציק (1900-1952)
- גאָרדאָן, אליהו (1907-19??) [נײַער לעקסיקאָן: 1903-]
- גאָרדאָן, שמואל (1909-19??) [נײַער לעקסיקאָן: 1908-]
- גרוביאַן, מאָטל (1909-1972)
- האַלקין, שמואל (1897-1960)
- קוויטקאָ, לייב (1890-1952)
- ליפֿשיץ, מענדל (1907-19??)
- רעמעניק, הערש (1905-1981)

4. געזאַנג- און טאַנץ-אַנסאַמבל.